**אויף תיכף ארויסצוגעבן:** 8/7/2022 **גאווערנער קעטי האוקול**

## סטעיטמענט פון גאווערנער קעטי האוקול אויף דאס דורכפירן אין דעם סענאט דעם ׳אינפלאַציע רעדוקציע אַקט׳

״איך אפלאדיר מאיאריטעט פירער שומער און סענאט דעמאקראטן פאר׳ן גרייכן אן אפמאך אויף דעם ׳אינפלאַציע רעדוקציע אַקט פון 2022׳. די פשרה׳דיגע לעגיסלאציע מאכט קריטיש-וויכטיגע אינוועסטירונגען אויף צו אדרעסירן דעם קלימאט קריזיס דורך אינוועסטירונגען וועלכע וועלן אראפברענגען יוטיליטי קאסטן פאר געוועגליכע ניו יארקער און טרייבן באנייבארע ענערגיע פראדוקציע נייטיג אויף צו גרייכן אונזער עמיסיע רעדוקציע צילן. אונטער די לעגיסלאציע, וועלן ניו יארקער אויך זען קלענערע העלטקעיר קאסטן און א פארלענגערונג פון קריטיש-וויכטיג סובסידיעס צו פארזיכערן אז אינשורענס בלייבט צוגענגליך. אויף צו שטיצן די קריטיש-וויכטיגע פראגראמען טוט דער פעקל ענדליך פארשליסן לאנגיעריגע קארפארעיט שטייער אויסדריי-מיטלען.

איך רוף אויף מיינע קאלעגעס אין דעם הויז פון רעפרעזענטעטיווס געשווינד דורכצופירן די לעגיסלאציע, כדי עס זאל גיך אנקומען אויף פרעזידענטביידען׳ס טיש פאר זיין אונטערשריפט — און אז פארלייכטערונג זאל קענען אנקומען צו ניו יארקער ווי שנעלער מעגליך.״

###

נאך נייעס קען מען באקומען ביי [www.governor.ny.gov](http://www.governor.ny.gov)
ניו יארק סטעיט | עקזעקיוטיוו טשעימבער | [press.office@exec.ny.gov](mailto:press.office@exec.ny.gov) | 518.474.8418

[זיך אויסשרייבן]()